ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## חג הסוכות

(חלק כט)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע חג הסוכות, ט־טו תשרי, ה׳תשפ״ז

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חג הסוכות

א. אין הנהגת כ״ק מו״ח אדמו״ר בנוגע ישיבה בסוכה, האָט מען געזען אַ דבר והיפוכו:

ביי אכילה ושתי׳ בסוכה איז ער גע־ווען נזהר עד קצה האחרון, ער האָט מחמיר געווען אַז אפילו שתיית מים זאָל ניט זיין חוץ לסוכה[1] (און די זהירות איז געווען אפילו בשמיני עצרת[2]);

משא״כ בנוגע שינה בסוכה איז, אדרבה — מען האָט געזען אַז ער איז ניט געשלאָפן אין סוכה (נאָר בבית)[3].

ולכאורה איז אדרבה: דער חיוב פון שינה בסוכה האָט אין זיך מער חומרא ווי דער חיוב פון אכו״ש בסוכה — אכילת עראי (ועאכו״כ שתיית מים) איז מותר חוץ לסוכה, בעת אַז שינת עראי איז אסור חוץ לסוכה[4].

און אע״פ אַז מחמת די טירחות און שווערקייטן פון שינה בסוכה מצד תנאי המקום והזמן כו׳, איז מען ע״פ הלכה פטור פון שינה בסוכה (ווי דער דין[5] איז, אַז „במקומות הקרים שיש צער לישן בסוכה מחמת הקור . . אין צריך לישן בסוכה . . שכל המצטער בישיבת הסוכה פטור מישיבתה״),

איז אָבער נאָך אַלץ ניט גלאַטיק, ווייל ביי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט די גשמית׳־דיקע טירחא בכזה ניט תופס מקום גע־ווען, אפילו ווען עס האָט זיך גערעדט בלויז וועגן אַ הידור מצוה; און ווי מ׳האָט געזען בהנהגתו בענין הסוכה גופא בנוגע לאכילה ושתי׳, אַז ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט קיין שווערקייטן און האָט אין דעם מחמיר געווען (און אפילו בשמיני עצרת), ביז, ווי מ׳האָט געזען, אַז אפילו אין די צייטן פון ירידת גשמים, וואָס ע״פ דין[6] מעג מען דעמאָלט עסן בבית, האָט ער אויסגע־מיטן עסן חוץ לסוכה[7].

איז מובן אַז זיין ניט מהדר זיין צו שלאָפן אין סוכה איז ניט געווען מצד דער טירחא וצער גשמי.

ב. עס איז ידוע דער פתגם פון כ״ק אדמו״ר האמצעי[8] בנוגע לשינה בסוכה — „ווי קען מען שלאָפן אין מקיפים[9] דבינה״. דאָס מיינט: אין סוכה איז מאיר זייער אַ גרויסער ג־טלעכער אור, וואָס

1) ראה משנה סוכה כו, ב. רמב״ם הל׳ סוכה פ״ו ה״ו. טושו״ע או״ח סתרל״ט ס״ב. שו״ע אדה״ז שם סי״ב.

2) ראה מנהגי חג הסוכות (ס׳ המנהגים — מנהגי חב״ד ע׳ 67. הוספות לשו״ע אדה״ז (הוצאת קה״ת) שם תשכה, ב).

3) ראה ס׳ השיחות תש״ה (ע׳ 35), וכן שיחת ליל א׳ דסוכות תרצ״ט (ס׳ השיחות תרצ״ו — חורף ה׳ש״ת (קה״ת ברוקלין, תשמ״ט) ע׳ 295) — בנוגע לאדמו״ר הרש״ב נ״ע.

4) סוכה כה, א (במשנה). שם כו, א. רמב״ם וטושו״ע שם. שו״ע אדה״ז שם ס״ז.

5) שו״ע אדה״ז שם ס״ח (וש״נ).

6) משנה סוכה כח, ב. רמב״ם שם ה״י. טושו״ע שם סתרל״ט ס״ה ואילך. שו״ע אדה״ז שם סי״ז; סכ״א ואילך.

7) ראה השקו״ט ע״ד ההלכה בשו״ת מנחת אלעזר ח״ד סו״ס לא (ושם, שתלמידי הבעש״ט דור אחר דור נהגי לישב בסוכה ז׳ ימי החג גם אם ירדו גשמים).

8) ראה שיחת ליל א׳ דסוכות תרצ״ט (הנ״ל) — ושם הוא באו״א קצת.

9) ראה מאו״א ס, טו (סוכה הוא אור המקיף בבינה) — מזהר ותקו״ז (נסמן ביאיר נתיב שם). וראה בהנסמן לקמן הערה 66. ועוד.

**איז צו הויך צו קענען אַראָפּקומען בהתלבשות אין דעם אדם (בפנימיותו), נאָר דער אור נעמט אים אַרום בבחי' מקיף (אַזוי ווי אַ סוכה כפשוטה, וואָס „נעמט אַרום" דעם אדם, און ניט נאָר דעם אדם אַליין (עכ"פ ראשו ורובו[10]), נאָר אויך שולחנו[11] – באופן אַז אַלע זיינע ענינים דאַרפן געטאָן ווערן אין דעם מקיף הסוכה – „תשבו כעין תדורו"[12]). און וויבאַלד אַז דאָרט איז מאיר אַזאַ הויכער אור אלקי – ווי קען מען גאָר דאָרט שלאָפן[13]!** ע"ד **לשון הכתוב**[14] – **„אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי (שאם ידעתי** לא ישנתי במקום קדוש כזה)"[15].

ופשיטא **אַז דאָס איז ע"פ הלכה** ובפשטות: **ער לייגט זיך שלאָפן בסוכה און קען ניט אַיינשלאָפן ווערן בשום אופן, איז ע"פ שו"ע** בפשטות **אַז ער גייט שלאָפן בביתו. און אויב באַ עם איז זיכער בודאות[16] אַז ער וועט ניט קענען אַיינשלאָפן ווערן בסוכה – דאַרף ער מלכתחילה ניט פּרוּוון עס.**

**דאָס איז אויך בפשטות דער טעם פאַרוואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר איז ניט געשלאָפן אין סוכה: זיצנדיק אין סוכה האָט ביי אים מאיר געווען** בגלוי **דער אור מקיף פון סוכה און דאָס האָט אים** ניט דערלאָזט **אַיינשלאָפן[17] צו ווערן אין סוכה.**

**ויש להוסיף בזה ולהמתיק ע"פ הלכה בנוגע דעם חילוק פון אכילה ושתי' אין סוכה און שלאָפן בסוכה:**

---

10) **סוכה ג, א.**

11) **ראה סוכה כח, א (במשנה). רמב"ם שם ה"ח. טושו"ע שם סתרל"ד ס"ד. וראה צפע"נ דלקמן הערה** 25.

12) **סוכה כח, סע"ב. וש"נ.**

13) **ואין להקשות מדוע לא מצינו הנהגה כזו בדורות שלפנ"ז, גם לא אצל הגדולים כו' שידעו מתורת הקבלה ובודאי הרגישו אור המקיף דסוכה – כי אצל יחידי סגולה אלה*, גם** שינתם **היתה (לא (רק) תוצאה מצד טבע הגוף, כ"א מדריגה גבוה ביותר בעבודת ה' (השייכת למקיפים דבינה). ולהעיר ממרז"ל (ב"ר פי"ד, ט. וראה פדר"א פי"ב) דבעת השינה הנשמה שואבת חיים מלמעלה.**

**וי"ל שהמבואר בפנים שייך לגילוי תורת חב"ד, שענינה להמשיך עניני פנימיות התורה באופן שגם שכל** האנושי **יוכל להשיגם, עד שפועל על הגוף ונפש הטבעית כו' – ועי"ז נמשך המקיף דסוכה באופן שנרגש גם בגוף כפי שהוא** בטבעו וגשמיותו **[שלכן תבע אדהאמ"צ ענין זה (העדר השינה בסוכה) אצל** חסידים **(שיחה שבהערה** 8). **וראה ס' השיחות תש"ה ע'** 33: **דער מקיף פון סוכה . . אַלע קענען דאָס דערהערן]**.**

**ובזה מובן ג"כ הטעם שענין זה נתגלה ע"י אדמו"ר האמצעי דוקא – שענינו הי' להמשיך תורת החסידות באופן ד„**בינה**" (ס' השיחות תש"ה ע'** 60. **וראה לקו"ש ח"ה ע'** 131. **ועוד. לקלוי"צ אגרות ע' שלד ואילך) – כי נוסף לזה שהמשכת המקיף בפנימיות שייכת ל„בינה", אור בכלי, הנה המקיף דסוכה הוא „מקיף** דבינה**".**

14) **ויצא כח, טז ובפרש"י.**

15) **להעיר מענין דוגמתו שמצינו ב**חג הסוכות **– שמצד גודל השמחה דשמחת ביה"ש „לא טעמנו טעם שינה" (סוכה נג, א (מתוספתא שם פ"ד, ג). ירושלמי שם פ"ה ה"ב).**

16) ודאי **ע"פ שו"ע, כמובן (ע"י שהשתדל בזה בעבר או גם בהווה. וכיו"ב השערה ע"פ שו"ע).**

17) **משא"כ אכילה ושתי' (עיין בשיחה שבהערה** 8 **– החילוק בין שינה ולימוד כו'). ולהעיר, שאוכלין קדשים בעזרה אבל אין ישיבה (וכש"כ שינה) בעזרה (יומא כה, א. וש"נ).**

---

***)** להעיר ממשנ"ת במק"א מחז"ל (רש"י בהעלותך ח, ג. ועד"ז בס"פ צו) „להגיד שבחו של אהרן שלא שינה" – דלכאורה תמוה, מאי קמ"ל, אלא – דאף שהרגיש כל הגילויים העליונים שבמנורת המקדש מ"מ לא בטלו חושיו עי"ז וההדלקה הגשמית היתה מדויקת בכל פרט ופרט. (לקו"ש ח"ב ע' 650).

****)** ולכן גם אצל רבותינו נשיאינו (שעל ידם היתה המשכה זו) היתה הנהגה בהתאם לזה (אף שפשוט שגם אצלם היתה השינה ע"ד המבואר בפנים ההערה). **ואכ"מ.**

בנוגע דעם גדר פון „תשבו כעין תדורו"[12], איז דער אַלטער רבי מבאר[18], אַז „כל טירחא יתירה שאין האדם מצטער ומונע א"ע מטרחא זו כדי לישב בביתו בקביעות אין מחויב לטרוח כדי לישב בסוכתו בקביעות"; ועד"ז בנוגע לשינה, אַז אויב דאָס איז באופן „שאם הי' לו טרחא כזו לישן בביתו לא הי' ישן בביתו א"צ לישן בסוכה שכל המצטער בישיבת הסוכה פטור מישיבתה"[19] [און ווי ער איז מבאר[20], אַז דער פטור פון מצטער ביי סוכה קומט מצד דעם כלל פון „תשבו כעין תדורו", וואָס „אף בכל השנה אין אדם דר במקום שהוא מצטער"; און דעריבער, ביי יעדן ענין וואָס ווערט ניט נכלל אין „תדורו" בבית, איז אויף דעם ניט חל דער חיוב פון „תשבו" (בסוכה)].

ועד"ז בענינינו: במצב וועגן וועלכן עס רעדט כ"ק אדמו"ר האמצעי אָדער (הנהגת) כ"ק מו"ח אדמו"ר אַז דער גודל הגילוי שבסוכה איז אַ מניעה ועיכוב צו שינה, איז מען דערפאַר גופא פטור פון שינה בסוכה*[20], וויבאַלד אַז אויך בבית וואָלט מען ביי אַזאַ מצב ניט געקענט שלאָפן[21].

ג. מען דאַרף אָבער האָבן אַ ביאור אין דעם:

ווי געזעדט כמה פעמים איז תורתנו הקדושה אַ תורה אחת — פנימיות התורה (ומנהגי') און חלק ההלכה שבתורה זיינען „כולא חד" (ווי עס שטייט אין זהר[22] אַז נגלה דתורה און נסתר דתורה זיינען ווי אַ גוף ונשמה) — ד.ה. אַז אַלע חלקי התורה זיינען מתאים איינער מיט די אַנדערע און זיינען עולה בקנה אחד; איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז די מנהגים פון גדולי ישראל (וההולכים בעקבותיהם) וואָס תוכנם איז לכתחילה מיוסד אויף פנימיות התורה, מוזן זיין בהתאם צו זייער ענין ע"פ הלכה[23].

איז ניט מובן בנדו"ד: וויבאַלד אַז ע"פ ההלכה איז די מצוה פון סוכה מחייב אַז מ'זאָל אין איר שלאָפן*[23] — ווי קען זיין, אַז דער תוכן פנימי פון סוכה (דער „אור מקיף" וואָס איז מאיר אין סוכה) זאָל זיין בסתירה לזה (און ניט דערלאָזן שינה בסוכה)?!

או — נוסף לזה: דער ביאור הנ"ל (סעיף ב) איז נאָר אַ היתר אויף צו ניט שלאָפן אין סוכה (וויבאַלד אַז „תשבו כעין תדורו", כנ"ל); אָבער סו"ס פעלט לכאורה אין קיום מצות סוכה; און ווי קען מען זאָגן, אַז דער תוכן פנימי פון סוכה זאָל גורם זיין אַז עס זאָל פעלן ח"ו אין קיום מצות סוכה (בפשטות ע"פ הלכה) כדבעי ובשלימות? ולכאורה, אדרבה: צום תוכן פנימי פון אַ מצוה (בענינינו — דער גילוי אור מקיף פון

18) שו"ע סתרל"ט סוס"ד.

19) שם ס"ח.

20) שם סתר"מ ס"ה (מתוד"ה הולכי דרכים — סוכה כו, א).

*20) ואינו שייך בזה בטלה דעתו אצל כל אדם (ראה רמ"א ושו"ע אדה"ז סתר"מ ס"ד (סי"א)) — כי נוסף לזה שאם ידוע שהוא מאניני הדעת כו' פטור (שו"ע אדה"ז שם), הרי גם בנדו"ד „דרכן של בנ"א להצטער מחמת דבר זה" (ל' אדה"ז שם), אלא שאין מרגישים המקיפים כו' (אבל באם היו מרגישים, בודאי שלא היו יכולים לישון כו').

21) ראה לקמן (ס"ח) בנוגע להלכה בשאר בני אדם.

22) ח"ג קנב, א.

23) ראה גם דרמ"צ (ה, א. כב, ב): הגליא הוא כפי הסתים כגוף לנפש. — וראה של"ה בית חכמה (טז, א). ועוד.

*23) ועד שהסוכה צ"ל במקום הראוי לשינה, ואם עשה במקום שיהי' לו צער בשינה ה"ז סוכה פסולה ואינו יוצא בו אפילו באכילה (רמ"א שם. שו"ע אדה"ז שם ס"ו).

סוכה) קען מען צוקומען דוקא לאחרי וע״י קיום המצוה בפשטות ובגשמיות!

ד. לכאורה יש לומר ע״פ המבואר אין צפנת פענח[24] — אַז עס איז דאָ אַ חילוק עקרי צווישן אכילה ושתי׳ בסוכה און שינה בסוכה: אכילה ושתי׳ זיינען קיום מצות סוכה[25], משא״כ שינה בסוכה „לא הוה קיום מצוה רק שאסור לישן חוץ לסוכה״. און עפ״ז איז ער מבאר וואָס אין גמרא[26] און רמב״ם[27] (ביים תיאור פון מצות ישיבה בסוכה[28]) ווערט ניט דערמאָנט דער פרט פון שינה, נאָר בלויז אכילה ושתי׳ — „אוכל ושותה ומטייל בסוכה״[29] (און ניט שינה).

[דערמיט פאַרענטפערט ער אויך בפשטות די שאלה[30] — פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין ברכה אויף שינה בסוכה? — ווייל מיט שינה בסוכה טוט זיך ניט אויף דער קיום מצות סוכה, נאָר בלויז אַן ענין פון שלילת האיסור, וואָס מען טאָר ניט שלאָפן חוץ לסוכה].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך ווען איינער שלאָפט בהיתר חוץ לסוכה, וויבאַלד אָבער ער איז אוכל ושותה בסוכה, פעלט ביי אים גאָרניט אין קיום מצות ישיבה בסוכה.

ועפ״ז איז מובן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין סתירה אין דעם, וואָס לויט תוכנה הפנימי איז סוכה „מבלבל״ ענין השינה, בו בזמן אַז ע״פ הלכה מוז מען גאָר שלאָפן אין אַ סוכה — ווייל שינה בסוכה איז ניט אַ חלק פון עצם מצות (ישיבה ב)סוכה; דער חיוב פון שינה בסוכה איז נאָר אַ (תוצאה פונעם) איסור צו שלאָפן חוץ לסוכה, כנ״ל. ובנדו״ד, וויבאַלד דאָס איז גורם צער כו׳, איז דער איסור מלכתחילה ניטאָ.

[ואין להקשות: סו״ס איז נאָך אַלץ ניט גלאַטיק — ווי איז שייך אַז ע״פ הלכה זאָל מצות סוכה גורם זיין אַן איסור צו שלאָפן חוץ לסוכה*[23], בעת אַז מצד דעם תוכן פנימי פון דער מצוה איז, אדרבה — די שינה חוץ לסוכה איז אַ דבר המותר (און אַפילו אַן אופן הראוי)?

— ווייל התורה על הרוב תדבר[31] — פרטי המצוות זיינען אויסגעשטעלט לויטן תוכן הענין ווי ס׳איז ביי רוב בני אדם, און וויבאַלד אַז רוב בני אדם זיינען ניט מרגיש דעם אור מקיף פון סוכה, ווערט אדרבה, אַ חיוב פון שינה בסוכה (ווייל עס מוז זיין „תשבו כעין תדורו״); און דערפאַר איז קיין סתירה ניט, וואָס ביי אַ מיעוט — די יחידי סגולה[32] וועלכע זיינען יע מרגיש דעם אור מקיף פון סוכה[33] — איז דער תוכן פנימי פון סוכה גורם אַז זיי זאָלן ווערן פטור (ע״פ הלכה, כנ״ל ס״ב) פון שינה בסוכה[34]].

24) על הרמב״ם הל׳ סוכה פ״ו ה״ב.

25) ויתירה מזו — האכילה „עושה את הסוכה לסוכה״ (צפע״נ שם. ע״ש). וראה לקמן הערה 56.

26) סוכה כח, סע״ב.

27) שם.

28) ורק בהלכה שלאח״ז מביא הרמב״ם שישנים בסוכה — ראה לקמן הערה 37.

29) כ״ה בגמ׳. וברמב״ם השמיט „ומטייל״ ובמקומו — „ודר״. וראה ל׳ הרמ״א (ואדה״ז) שהובא לקמן סעיף ה. ואכ״מ.

30) תוד״ה שכבר — ברכות יא, ב. וראה גם רא״ש שם (פ״א סי״ג) וסוכה פ״ד ס״ג.

31) מו״נ ח״ג פל״ד.

32) וראה לעיל הערה 13, שיחידי סגולה בדורות שלפנ״ז היו יכולים לישון גם באור מקיף דסוכה. ע״ש.

33) ועד״ז בשאר בנ״א דהמצב המבואר לקמן ס״ח.

34) דוגמא לדבר — מצות עונג שבת, דמצוה לענגו באכילה ושתי׳ ואכילת בשר ושתיית יין כי „מן הסתם יש לרוב בנ״א ענג באכילת בשר כו״

ה. אָבער באמת קען מען אַזוי ניט פאַרענטפערן מנהג רבותינו נשיאינו – ווייל לויטן פסק הלכה פון אַלטן רבי'ן בשולחנו, איז אויך שינה אַ טייל פון מצות ישיבה בסוכה. ווי ער זאָגט בפירושו[35] „כיצד מצות ישיבה בסוכה שיהי' אוכל ושותה וישן ויטייל ודר בסוכה".

[ומקורו – פון רמ"א[36]: אויף דעם לשון המחבר (וואָס איז לשון הרמב"ם) „כיצד מצות ישיבה בסוכה שיהי' אוכל ושותה ודר בסוכה", איז דער רמ"א מוסיף די ווערטער „(אוכל ושותה) וישן ומטייל". ד.ה. דער רמ"א האַלט אַז מצות ישיבה בסוכה איז כולל אויך שינה (וטיול) בסוכה[37].

ולכאורה איז דאָס אויך דעת הטור, וועלכער איז מוסיף[38] (אויף לשון הש"ס[26] הנ"ל) „אוכל ושותה וישן". און דאָס איז מתאים מיט דעת רש"י[39] (אַראָפּגעבראַכט אין צפע"נ שם[40]) אַז „עיקר ישיבת הסוכה – אכילה שתי' ושינה"].

ועד"ז געפינט מען, אַז דער אַלטער רבי פסק'נט[41] אַז די ברכה אויף מצות סוכה באַציט זיך אויך אויף שינה בסוכה (נאָר סאיז ניטאָ קיין באַזונדער ברכה אויף שינה, ווייל דאָס איז מען יוצא מיט דער ברכה אויף אכילה בסוכה[42]).

והדרא קושיא לדוכתא: וויבאַלד אַז לויט שיטת אדמו"ר הזקן איז „מצות ישיבה בסוכה" כולל אויך שינה בסוכה – ווי קען מען זאָגן, אַז דער תוכן פנימי פון דער מצוה איז סותר ענין השינה?

ו. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם וואָס חז"ל דערציילן[43] בנוגע לשמחת בית השואבה – „כשהיינו שמחים שמחת בית השואבה . . לא טעמנו טעם שינה דהוו מנמנמי אכתפא דהדדי".

פון דעם איז מובן, אַז אין די טעג פון שמחת בית השואבה האָבן די תנאים ניט געשלאָפן בסוכה[44] (ווייל דער פירוש אין

(שו"ע אדה"ז או"ח סרמ"ב ס"ב), ומ"מ מי „שהאכילה מזקת לו . . א"צ לאכול כלל וכמעט שאסור לו לאכול שלא יצטער בשבת" (שו"ע אדה"ז שם סרפ"ח ס"ב).

וראה בארוכה לקו"ש חכ"א (ע' 84 ואילך) ע"ד מנהג רבותינו נשיאינו שברובא דרובא לא אכלו פת בסעודה שלישית. ע"ש באורך.

35) סתרל"ט ס"ד.

36) סתרל"ט ס"א.

37) ועפ"ז מובנת הוספת הרמ"א בזה* – אף שגם המחבר עצמו ממשיך בסעיף ב „אוכלים ושותים וישנים בסוכה כל שבעה" (ועד"ז ברמב"ם שם ה"ו) – כי הב"י ס"ל (כהרמב"ם) שאין שינה חלק מ„מצות ישיבה בסוכה" והיא רק שלילת איסור, משא"כ להרמ"א (ואדה"ז).

38) סתרל"ט.

39) סוכה כ, ב [כצ"ל בצפע"נ שם] ד"ה לא יצא. ועד"ז שם ז, א ד"ה מאי לאו. רש"י שבהערה הבאה.

*) ראה ביאורי הגר"א בשו"ע שם.

40) ומציין לעירובין (מד, א) „כדי שיאכל וישתה וישן". וראה פרש"י שם: עיקר מצותה של סוכה בג' דברים אלו. ועד"ז בפרש"י שם ריש ע"ב.

41) סתרל"ט סי"ב (מתוס' ורא"ש שבהערה 30).

42) ו„אם אינו רוצה לאכול בסוכה זו" – צריך לברך גם על שינה וטיול (שו"ע אדה"ז שם סט"ו).

43) סוכה נג, א (ובתוספתא וירושלמי שבהערה 15 לא הובא „אכתפי דהדדי").

44) ואת"ל שגזירה דכלי שיר בשבת ויו"ט נתקנה בבית שני (ראה לקו"ת ר"ה נז, ג), ולפני הגזירה חגגו שמחת ביה"ש כל שבעה* (שהרי זהו

*) כפסק ההלכה (רמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"י ה"ו – ממשנה סוכה רפ"ד. וראה הפלוגתא בזה – תענית ג, א) דניסוך המים התחיל מיום **א'** דסוכות (ולהעיר מדעת הרמב"ם (שהובא בשוה"ג שלאח"ז)

**„מנמנמי אכתפא דהדדי" איז, אַז דער נמנום איז געווען (ניט אין סוכה[45], נאָר) אין דעם מקום (עזרה) וואו מ'האָט אַלע צוזאַמען געפּראַוועט שמחת בית השואבה).**

**איז לכאורה ניט גלאַטיק: אע"פ אַז דער נמנום חוץ לסוכה איז זיכער געווען ע"פ היתר התורה[46] — איז אָבער ברור אַז די תנאים האָבן זיך משתדל געווען צו מקיים זיין מצות ישיבה בסוכה כל שבעה[47] („בסוכות תשבו שבעת ימים"[48]) מיט דעם** גרעסטן **הידור, ובלשון המשנה[49]** „כל שבעת **הימים אדם עושה** סוכתו קבע";

**און וויבאַלד אַז „עיקר ישיבת הסוכה אכילה שתי'** ושינה" **(כנ"ל) — ווי קומט עס, אַז מ'זאָל לכתחילה קובע זיין דעם סדר פון חגיגת חג הסוכות באופן (פון נמנום חוץ לסוכה[50], ובמילא) אַז עס**

**הטעם שהחליל אינו דוחה שבת ויו"ט — ראה סוכה נ, סע"א (במשנה) ואילך ובמפרשים) — נמצא שבבית ראשון כו'** לא היו ישנים בסוכה כלל!**

**45) וכן מפורש בשו"ת התשב"ץ ח"א סי' ק (סד"ה צריך להקדים).**

**46) בתשב"ץ שם משמע שהטעם הוא מפני דשינת עראי* אסור רק מדרבנן (ובגליוני הש"ס (להר"י ענגל) לסוכה כו, א הקשה עליו שאי"ז כפי ההלכה. ע"ש).**

**ובפשטות י"ל הטעם משום דעוסק במצוה פטור מן הסוכה (סוכה כה, א). וברש"י ד"ה פטורין שם „ואפי' בשעת חנייתן". וראה שו"ע אדה"ז סתר"מ סי"ח.**

**17) כי אף שהחיוב לאכול בסוכה הוא רק בליל א' ו„מכאן ואילך** רשות" **(סוכה כז, א) — הרי מ"מ גם בשאר ימי החג כשאוכל בסוכה מקיים מצוה** ומברך **עלי' (ודלא כאכילת מצה כל ששה), וחייב לעשות „סוכתו** קבע", **כבפנים (וראה חידושי חת"ס לשו"ע או"ח סו"ס תרל"ט. ועוד). ופשוט שהתנאים השתדלו לקיים מצות סוכה כל שבעת ימי החג*. ואכ"מ.**

**18) אמור כג, מב.**

**19) סוכה כח, ב.**

**50) ואת"ל שהיו סוכות בסמיכות להר הבית, כידוע השקו"ט בזה (וראה נחמי' ח, טז — הובא בתשובת רב האי גאון — ס' המנהיג הל' סוכה ס"ה ועוד. וראה לקמן בהוספות ע' 497 ואילך), לכאורה היו יכולים ליכנס בהן בלי טירחא יתירה (ראה שו"ע אדה"ז שבהערה 46) ובאופן שלא היו מתבטלים כ"כ משמחת ביה"ש.**

**ולהעיר, שמפשטות לשון חז"ל (במקומות שבהערה 15) „משם כו' לביהמ"ד כו' לאכילה ושתי' כו'" משמע, שאכילתם לא היתה בריחוק מקום כ"כ מהר הבית (וראה שירי קרבן לירושלמי סוכה פ"ה ה"ב) — והרי בודאי אכלו בסוכה (כדלקמן בפנים סעיף ז).**

שה„שמחה יתירה" דסוכות אינה תלוי' בניסוך המים).

וראה גם לקו"ש חכ"ד ע' 251 הערה 43.

**)** שגם אז חגגו שמחת ביה"ש (ראה ירושלמי סוכה פ"ה ה"א „יונה בן אמיתי"), ולכאורה גם אז היתה באופן ד„לא טעמנו טעם שינה". וראה מאירי לסוכה (נג, א) „**כל המקיימים** שמחת ביה"ש לא היו טועמים טעם שינה".

וראה רמב"ם (הל' לולב פ"ח הי"ב) „בחג הסוכות **היתה במקדש** יום שמחה יתירה . . וכיצד היו עושין . . כל הלילה", ומפשטות לשונו משמע שהוא **מה"ת** (נת' בלקו"ש חי"ז ע' 267 ואילך. וראה שם ע' 270 הערה 40, די"ל שגם לשיטת רש"י (סוכה נ, ב ד"ה דברי הכל) כן הוא. ע"ש).

**)** ומשמע מדבריו שנמנום כזה נכלל בשינת עראי (ראה רש"י סוכה שם (הועתק בשו"ע אדה"ז סתרל"ט ס"ז) „שפעמים שאינו אלא **מנמנם מעט** ודיו בכך". וראה שפת אמת (לסוכה שם) ופרמ"ג או"ח סתרל"ט (משב"ז סק"ה) השקו"ט בשיעור שינת עראי). ולהעיר מל' הר"ח סוכה נג, א: לא ראינו שינה בתרדמה אלא **שינה כעין** נמנום. ואכ"מ.

*) ואינו דומה להא דסוכה (מז, א וברש"י ותוס' ד"ה גמירי שם) שלא ישבו בסוכה כל ימי החג (וכידועה השקו"ט בזה) — כי שם הטעם מפני „שבהמותיהן רועות שם" (רש"י שם); משא"כ בהמדובר בפנים, בנוגע לאופן סדר שמחת ביה"ש, שלא מסתבר כלל לומר שנקבע באופן שעי"ז לא קיימו כל גדולי ישראל וכו' (שהשתתפו בה) מצות סוכה (ובהידור) כל שבעה. ואכ"מ.

פעלט אין דער שלימות פון „סוכתו קבע" (וואָרום מ'האָט ניט „עיקר ישיבת הסוכה (וואָס איז כולל) (אכילה שתי' ו)שינה")?!

איז דערפון גופא געדרונגען, אַז אפילו ווען מ'איז ישן (ע"פ היתר התורה) חוץ לסוכה, קען זיך אויפטאָן לכל הדיעות [אויך לפי פסק אדה"ז הנ"ל אַז מצות ישיבה בסוכה איז כולל שינה בסוכה] דער קיום מצות „בסוכות תשבו" בשלימותה (מיט דעם הידור ווי תנאים האָבן מקיים געווען אַ מצוה).

ז. ויש לומר די הסברה אין דעם:

דאָס וואָס מצות ישיבה בסוכה איז כולל ענין השינה, איז ניט דער פירוש אין דעם, אַז מצות סוכה לייגט אַרויף אַ באַזונדער חיוב פון שינה בסוכה

— וואָס דעמאָלט וואָלט אויסקומען, אַז ווען איינער שלאָפט ניט אין סוכה (מאיזה טעם שיהי', אפילו צוליב דעם וואָס תורה פטר'ט אים פון שינה בסוכה), פעלט בפועל[51] ביי אים אין קיום מצות ישיבה בסוכה כדבעי —

נאָר עס איז בלויז אַ פרט פון דעם חיוב כללי „תשבו כעין תדורו": דער חיוב התורה איז — „בסוכות תשבו שבעת ימים", עס דאַרף זיין ישיבה (והעכבה[52]) אין סוכה — „סוכתו קבע"; נאָר אַזוי ווי קביעות הישיבה פונעם אדם איז פאַרבונדן מיטן מקום וואו ער טוט זיינע ענינים עיקריים — אכילה שתי' ושינה — דעריבער איז דער חיוב פון „בסוכות תשבו" כולל (בעיקר) אָט די דריי ענינים.

51) ע"ד מרז"ל (ירוש' קדושין פ"ג ה"ב) דאונס כמאן דעביד לא אמרינן.

52) ראה רא"ש סוכה פ"ד ס"ג. תוי"ט סוכה פ"ב מ"ד בסופה.

און וויבאַלד אַז עיקר קביעות ישיבתו של אדם ווערט באַשטימט (ניט אין „מקום לינה", נאָר) אין מקום אכילתו דוקא (ווי דער צפע"נ[24] ברענגט די ראי' פון הלכות עירובין[53]) — דעריבער, איז אין די דריי ענינים (אכילה שתי' ושינה) גופא, איז דער עיקר ענין פון ישיבה בסוכה פאַרבונדן מיט אכילה דוקא[54]. ווי דער אַלטער רבי זאָגט בפירוש[55], אַז „אכילה (ש)היא עיקר מצות הישיבה בסוכה" (כאָטש אַז די מצוה איז כולל אויך שינה בסוכה, כנ"ל), ומהאי טעמא מאַכט מען די ברכה על אכילה בסוכה דוקא, און די ברכה על האכילה פטר'ט שתי' ושינה וטיול, ווייל זיי זיינען „נמשכים וטפלים לאכילה"[56].

און דערפאַר איז ניט געווען נויטיק אַז די תנאים זאָלן גיין „מנמנם" זיין אין אַ סוכה כדי אַז ביי זיי זאָל זיין „סוכתו קבע" — ווייל דאָס האָבן זיי אויפגעטאָן בשלימות דורך זייער אכילה בסוכה (ווי די גמרא[57] דערציילט זייער סדר היום „. . . משם לאכילה ושתי'",

53) ד„אנן קיי"ל כמ"ד בעירובין ד' ע"ב ע"ב [ע"ג, רע"א] דעיקר דירה של אדם הוא מקום פיתא" (ולא „מקום לינה").

54) כמפורש ברא"ש סוכה שם (בשם ר"ת) „שעיקר הקבע שאדם עושה בסוכה היא אכילה" (ולכן מברכים על אכילה דוקא).

ולהעיר, שהחיוב דליל א' הוא אכילה בסוכה ולא שינה (וראה ריטב"א לסוכה כז, א).

55) סתרל"ט סי"ב (ומקורו מרא"ש סוכה שם).

56) ועפ"ז י"ל דמ"ש בצפע"נ שם דדוקא האכילה „עושה את הסוכה לסוכה" מתאים גם לדעת אדה"ז (אלא שאדה"ז ס"ל דשינה היא חלק מ„מצות ישיבה בסוכה"). ואכ"מ.

57) מקומות שבהערה 15.

**וואָס זיכער איז די „אכילה ושתי׳״ געווען בסוכה[58], וויבאַלד אַז אכילה טוט אויף די (עיקר) „ישיבה״ (העכבה)** וקביעות **אין סוכה, אַזוי אַז ביי זיי האָט** גאָרניט געפעלט **אין קיום מצות „בסוכות תשבו״.**

**ועפ״ז מובן אויך בעניננו, אַז כאָטש דער תוכן פנימי פון חג הסוכות איז מונע דעם ענין השינה בסוכה — פעלט** כלל **ניט עי״ז אין קיום מצות ישיבה בסוכה ע״פ** הלכה.

[און דאָס וואָס ע״פ הלכה איז שינה בסוכה אַ פרט פון מצות ישיבה בסוכה — איז עס דערפאַר וואָס התורה על הרוב תדבר, און רוב בני אדם זיינען ניט מרגיש דעם אור מקיף שבסוכה, כנ״ל סוף סעיף ד].

**ח. אמנם,** די **הסברה פאַרענטפערט נאָר דעם פתגם פון כ״ק אדמו״ר האמ־צעי און די הנהגה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר ויחידי סגולה, וועלכע זיינען מרגיש דעם אור מקיף שבסוכה.**

**מ׳זעט דאָך אָבער אין דער הנהגה פון כמה וכמה, אַז אויך אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך** ניט **אין דער דרגא פון (קענען) מרגיש זיין דעם „אור מקיף״ שבסוכה, זיינען זיך ניט נוהג צו מהדר זיין צו שלאָפן אין סוכה (כאָטש אַז באכו״ש זיינען זיי מהדר אפילו במקום שאין חיוב).**

**איז די הסברה אין דעם בפשטות:**

**חסידים, זייענדיק** מקושר **צו רבותינו נשיאינו, לערנען תורתם (ע״מ לעשות) און גייען בדרכיהם — איז מנהג רבו־תיהם בידיהם**

(ע״ד **ווי די גמרא[59] דערציילט אַז „רב אחא . .** מהדר **אתרי וחד״ (נעמען אַ הדס וואָס האָט נאָר „שני עלין בעוקץ אחד ועלה אחד מלמטה ועולה ורוכב על השנים״[60]) ווי די דיעה פון רב כהנא, כאָטש אַז רב כהנא עצמו זאָגט נאָר** „אפילו **תרי וחד״, אָבער „תלתא בחד קינא** כל שכן **דכשר״[61], נאָר „הואיל ונפק מפומי׳ דרב כהנא״ איז דאָס ביי תלמידו געווען אַן ענין של** הידור **— צו טאָן דוקא כוותי׳)**

**ונוסף בעניננו: דער ניט פירן זיך** בפועל **כהנהגת רבותיהם בכל שאפשר — מאַכט באַ זיי אַ** צער **(וואָס המצטער פטור מן הסוכה)[61*].**

**ויתירה מזו בנדו״ד, וואָס דער מיטע־לער רבי האָט דעם ענין** געמאָנט **פון חסידים (ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר דערציילט אין דער שיחה[62]) — קען ער (השייך לרבותינו נשיאינו) ניט שלאָפן רואיקער־הייט אין סוכה. ווייל כאָטש דער** „אור״ **הסוכה איז ניט מבלבל זיין שינה — איז ער דאָך אָבער מצטער דערפון גופא, פאַרוואָס האַלט ער ניט ביי דער מדריגה אַז דער אור הסוכה זאָל ביי אים לייכטן כ״כ בגלוי ביז ער זאָל ניט קענען שלאָפן אין סוכה;**

**און אפילו איינער וואָס אים אַרט ניט פאַרוואָס ער איז ניט מרגיש דעם אור שבסוכה — איז ער אָבער זיך מצטער פאַרוואָס** דער וואָרט פון מיטעלער רבי׳ן **דערנעמט אים ניט;**

58) שהרי בודאי החמירו ע״ע שלא לאכול ולשתות כלום חוץ לסוכה (ראה הנסמן לעיל הערה 1).

59) סוכה לב, סע״ב.

60) רש״י שם ד״ה תרי.

61) רש״י שם ד״ה מהדר.

61*) ראה לעיל הערה 20*.

62) הנ״ל הערה 8.

און מצד דעם, איז דער שלאָפן אין סוכה[62*] גורם ביי אים אַ צער — היתכן ער קען שלאָפן בלי צער אין סוכה — און המצטער פטור מן הסוכה.

[און אע״פ אַז דער צער קומט ניט פון דער סוכה עצמה, נאָר פון אַן ענין צדדי (פון זיין פחיתות המצב, וואָס אים אַרט ניט אַ וואָרט פון מיטעלער רבי׳ן) — איז אָבער דער דין פון מצטער פטור מן הסוכה ניט נאָר אין פאַל ווען דער צער קומט פון דער סוכה עצמה, נאָר אויך[63] ווען די סיבת הצער (בישיבה בסוכה) איז פון אַ דבר שמבחוץ[64], אַזוי ווי קור, גשמים וכיו״ב.

וכן בעניננו, אַז וויבאַלד לפועל איז שינתו בסוכה פאַרבונדן מיט צער (מצד „קור״, מצד דעם וואָס עס איז ניט בהתאם צו רצונו של אדמו״ר האמצעי) איז ער פטור מן הסוכה].

* * *

ויהי רצון, אַז מ׳זאָל זוכה זיין בקרוב ממש צו סוכת עורו של לויתן[65], ובכל־לות צום „ופרוס עלינו סוכת שלומך״ — דער גילוי דלעתיד (וואָס אַ מעין דערפון איז מאיר אין דעם מקיף הסוכה)[66] — בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, ובמהרה בימינו ממש.

(משיחות יום ב׳ דחה״ס,
יום שמח״ת ושבת בראשית תש״ל)

---

*62) והיינו, דנוסף על צערו בכלל ממצבו הירוד [שאינו מרגיש האור מקיף שבסוכה (או מזה שפתגמו של אדמו״ר האמצעי אינו פועל עליו כו׳)] — שמצער זה לא ינצל גם ע״י כניסתו לבית (ראה רמ״א או״ח סתר״מ ס״ד. שו״ע אדה״ז שם ס״ה) — הרי מעשה השינה בסוכה גורם לו צער (נוסף), היתכן שיכול לישון בסוכה בלי צער, כבפנים.

63) להעיר מצפע״נ (מהד״ת כה, רע״ג) שיש חילוק, דכשהצער בא לו מן הסכך והדפנות שוב אינה סוכה כלל, משא״כ במצטער ע״י סיבה אחרת הוא רק פטור. ע״ש.

64) ברש״י סוכה כו, א ד״ה מצטער — „שהסוכה מצערתו״. אבל פשיטא שכוונתו להישיבה בסוכה (שהרי הצער אין צ״ל מגוף הסוכה עצמה. וראה צפע״נ שם), וכלשונו שם לפנ״ז (כה, ב ד״ה צערא דממילא) „שהסוכה מצערתו כגון חמה או צינה או סירחא בדברים שסיכך בהן״ (והרי „חמה או צינה״ אינן מהסוכה עצמה ורק גורמות שהישיבה בסוכה תהי׳ בצער).

65) ב״ב עה, א. יל״ש אמור רמז תרנג (בשם הפסיקתא. והוא בפסיקתא דר״כ (הוצאת באָבער) פסקא אחריתא דסוכות).

66) כידוע דסוכה היא דוגמת תיבת נח (ד״ה כי פדה לאדה״ז — סה״מ אתהלך־לאזניא ע׳ נז, ועם הגהות — אוה״ת נח תרסט, ב ואילך. וראה שם תרלח, ב. המשך וככה תרל״ז פצ״ה־צו. ועוד) שבה הי׳ מעין השלום דלעתיד. וראה ד״ה בסוכות תשבו תשל״ו פ״ד (סה״מ — מלוקט ח״א ע׳ קעז־ח).